יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 131 | לאדז, מיטוואך, כג סיון תרצ״ד | צוועלפטער יאהרגאנג | Łódź, Sroda, 6 czerwca 1934 r. | № 131

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# יודישע קאלא אפעלירט צו דער רעגירונג

## וועגען דער פערשטארקטער אנטיסעמיטישער אגיטאציע

קראקא, 5. (טעלעפאניש דורך יט״א).

דאס יודישע „קאלא" האט זיך היינט בעראטען אין קראקא און צוזאמענהאנג מיט דער לאגע, וועלכע האט זיך געשאפען מיט דער פערשארפטער אנטיסעמיטישער אגיטאציע. דאס יודישע „קאלא" האט אנגענומען א בעשלוס אין וועלכען ס׳ווערט פעסטגעשטעלט אז „בעקעמפענדיג מיט די שארפסטע מיטלען דעם רעגירונגס־לאגער ווילען די ענדעקעס אויספילען דעם קאמף אויפן רוקען פון דער יודישער בעפעלקערונג. און אפשוואכען די שטעלונג פון רעגירונגס־לאגער.

דער אומשטאנד, וואס די אגיטאציע ווערט נישט דערשטיקט אין סאמע אנהויב, מאכט די העצער נאך חוצפהדיגער.

דאס יודישע „קאלא" געפינט פאר איהר חוב אויפמערקזאם צו מאכען אויף דער לאגע און אפעלירט צו דער רעגירונג, אז זי זאל מיט דער פולער מאכט פערטיידיגען די פרידליכע יודישע בעפעלקערונג. דאס יודישע „קאלא" איז איבערצייגט אז די יודישע בעפעלקערונג וועט זיך האלטען ווירדיג, וועט נישט אריינפאלען אין ווארט און וועט נישט אויפהערען פאדערען איהרע מענשליכע, בירגערליכע און נאציאנאלע רעכט.

קראקא, 5. (טעלעפאניש). אין צוזאמענהאנג מיטן קומען פון געבעלס קיין ווארשא האט דאס יודישע „קאלא" אויסגעדריקט איהר בעוואונדערונג וואס דעם ריקזיכטסלאזען פראפאגאנדיסט פון ראסען־האס ווערט געגעבען די מעגליכקייט צו קומען קיין פוילען און צו האלטען א פארטראג וועגען דער אידעאלאגיע פון ראסען־האס.

# דעלעגאציע פון פיר רבנים

## ביים קארדינאל קאקאווסקי

ווארשא, 5. (טעלעפאניש פון אינזער קארעספאנדענט). היינט וועט זיך פארן קארדינאל קאקאווסקי פארשטעלען א דעלעגאציע פון 4 רבנים צווישען זיי אויך הרב יעקב פייגער פון לאדז. די דעלעגאציע וועט בעטען דעם קארדינאל, אז ער זאל ווירקען אויף דער בעפעלקערונג אז ס׳זאלען אויפהערען די אפטע אנפאלען אויף יודען. הרב פייגער איז ארויסגעפארען געכטען טעלעפאניש קיין ווארשא.

# אראבישע דעקלאראציע וועגען ארץ־ישראל

## אין צוזאמענהאנג מיט דער רייזע פון עמיר אבדולא

לאנדאן, 5 (יט״א טעלעגראפיש).

אין צוזאמענהאנג מיט דער רייזע פון עמיר אבדולא קיין לאנדאן, האט די אראבישע עקזעקוטיוו פערעפענטליכט א דעקלאראציע, אין וועלכער ס׳ווערט געזאגט, אז די אראבער זענען פאר אן אונאפהענגיגע מלוכה אין פאלעסטינא און די ראהמען פון אן אראבישער פעדעראציע און גרעניצט זיך אפ פון ציוניזם. עמיר אבדולא וועט אין לאנדאן אונטערהאנדלען וועגען א צאל־אוניע צווישען ארץ־ישראל, עבר הירדן און איראק.

# דערנעהנטערונג צווישן פראנקרייך און איטאליען

## וויזיט פון מיניסטער בארטו אין רום

פאריז, 5. (ספ. טעל.) אין די פאריזער פאליטישע קרייזען בעשטעהט מען אז אין דער נאהענטסטער צייט וועט פאר־קומען א וויכטיגע אקציע צו דערנעהנטערען פראנקרייך מיט איטאליען.

נאכדעם ווי דער מיניסטער בארטו וועט צוריקקומען פון גענף וועלען זיך אנהויבען אונטערהאנדלונגען כדי צו רעגולירען די שטרייט־פראגען צווישען בידע לענדער און אויסצוגלייכען די פאליטישע אטמאספערע. דער אפמאך צווישען בידע לענדער וועט אונטערגעשריבען ווערען אין רום אין דער אנוועזנהייט פון מיניסטער בארטו, וועלכער וועט זעהר פייערליך אויפגענומען ווערען אין איטאליען.

# אויפרייס פון אונטערערדישען גאז

## 7 מענשען אומגעקומען

ביוּ־יארק, 5. (ספ. טעל.) נעבען דער א״ט שאפט בארמאן (אקלאהאמא) איז בעת זוכען ביי באפט־גרובען פארגעקומען אן אויפרייס פון אונטערערדישע גאזען, 7 מענשען זענען אומגעקומען.

# די רעוויזיאניסטישע פעטיציע

## אין דער מאנדאט־קאמיסיע

פאריז, 5 (יט״א טעלעגראפיש)

דער רעוויזיאניסטישער מרכז האט בעקומען א מיטיילונג פון ארץ־ישראל, אז די רעוויזיאניסטישע פעטיציע איז איבערגעשיקט געווארען אין דער מאנדאט־קאמיסיע פון דער פעלקער־ליגע.

# אונאויפהערליכע אוואציעס

## פאר פראפ. שמיט אין מאסקווע

מאסקווע, 5. (ספ. טעל.) היינט איז אנגעקומען קיין מאסקווע דער לייטער פון דער העלדישער „טשעליוסקין"־עקספעדיציע פראפ. שמיט. גאנץ מאסקווע איז געווען אויף די גאסען, די אוואציעס לכבוד פראפ. שמיט האבען גארנישט געהאט קיין סוף. בעת דער אויפנאהמע לכבוד דעם פראפעסאר זענען אנוועזענד געווען אלע דיפלאמאטישע פארשטייער אין מאסקווא.

# אנטי־יודישע עקסצעסען אין סאאר־געביט

פאריז, 5 (יט״א טעלעגראפיש)

די צייטונגען מעלדען וועגען אנטי־יודישע עקסצעסען אין סאאר־געביט, די היטלעריסטען זענען אויך בעפאלען דייטשען, וועלכע האבען זיך ארויסגעזאגט פאר׳ן „סטאטוס קוואָ" אין פלעביסציט־געביט.

נאך קורצע ליידען איז נעכטען געשטארבען

נ״ע אלפרעד שטרויך

לאנגיעהריגער דירעקטאר פון דער לאדזער פילהארמאניע.

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, 2 א זייגער נאכמיטאג פון זיין וואוינונג, נארוטאוויטשא 18, וועגען וואס עס טיילען מיט איז גרוים צער די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, טאכטער, זוהן, איידעם, שניר און פאמיליע.

טיף גערהרט צוליב׳ן פלוצלינגען טויט פון אונזער דירעקטאר פון לאדזער יודישען טעאטער „פילהארמאניע"

אלפרעד שטרויך

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען ביילייד דער איבערגעבליבענער פאמיליע.

אלע ארטיסטען, פריינד, בעקאנטע ווערען געבעטען זיך בעטייליגען אין דער לויה.

יודישע טרופע פון טעאטער „פילהארמאניע".

Dnia 5 czerwca r. b. zmarł

B. P. ALFRED STRAUCH

Dyrektor i Kierownik Orkiestry Filharmonji w Łodzi.

W Zmarłym tracimy oddanego nam Towarzysza pracy kulturalnej i Człowieka o nieskazitelnym charakterze.

Pamięć o Nim nazawsze zachowamy.

Zarząd Zw. Zaw. Muzyków i Orkiestra Filharmonji w Łodzi.

